# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת במדבר | שנת תשע"א לפ"ק

## מילי דחסידותא

**ויפקוד אותם משה על פי ה' כאשר צוה:** זאגט רש"י אז משה רבינו האט געפרעגט דעם אייבערשטן אז אויב מ'דארף דא ציילן **מבן חודש ומעלה** פון וואו קען ער וויסן וויפיל קליינע קינדער יעדער האט אין שטוב, האט אים דער אייבערשטער געזאגט 'דו טו וואס איך האב דיר געהייסן, און איך וועל שוין העלפן', איז משה רבינו ארומגעגאנגען צו אלע געצעלטן, און עס איז ארויסגעקומען א בת קול וואס האט געזאגט וויפיל קינדער עס זענען דא אין דעם הויז. וועגן דעם שטייט 'על פי ה', אז ער האט דאס געוואוסט דורכן בת קול.

פרעגט **הרה"ק רבי שמעון יערוסלאווער זי"ע** לכאורה אויב איז סיי ווי געווען א בת קול, פארוואס האט נאך אויסגעפעלט אז משה רבינו זאל אליין ארומגיין, דער בת קול האט דאך שוין געקענט גיין ביז זיינע אויערן.

ענטפערט ער אז די גמרא זאגט אין מס' סוכה (דף נ"ג ע"א) יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום אלמלא הקב"ה עוזרו לא יוכל לו, אז א איד קען סיי ווי נישט בייקומען דעם יצר הרע נאר מיט א סייעתא דשמיא, דער רבש"ע האט דא געוואלט ווייזן פאר כלל ישראל א מורא'דיגער מוסר השכל, אז ער פארלאנגט פון יעדן איד צו טון זיין רצון דאס מערסטע לויט זיינע מעגליכקייטן, און ווען דער מענטש שטרענגט זיך אן צו טון דעם רצון ה', דעמאלטס העלפט דער אייבערשטער און ער שיקט זיין סייעתא דשמיא, וועגן דעם האט משה רבינו געמוזט גיין צו יעדע טיר, ווייל דעמאלטס וואלט ער געטון דאס מערסטע לויט זיין יכולת, נאכדעם קען שוין קומען דער בת קול.

## דרש דרש

עס איז דא א מדרש פליאה אויפן פסוק **איש על דגלו באותות לבית אבותם: אל תקרי באותות אלא באותיות. לפיכך אמר בלעם מה אקוב לא קבה אל** (במדבר כג, ח).

זאגט **דער הייליגער אפטער רב זי"ע** אין **אוהב ישראל** לויט דעם וואס עס שטייט אין ספר **עשרה מאמרות** אז אויף די דגלים זענען געשטאנען אויפגעשריבן די אותיות פון די נעמען פון די אבות הקדושים **אברהם יצחק ויעקב**, אויף דעם אופן: אויפן ערשטן דגל איז געשטאנען דער א' פון **אברהם** און דער י' פון **יצחק** און דער י' פון **יעקב**, אויפן צווייטן דגל איז געשטאנען דער ב' פון **אברהם** און דער צ' פון **יצחק** און דער ע' פון **יעקב**. אויפן דריטן דגל איז געשטאנען דער ר' פון **אברהם** און דער ח' פון **יצחק** און דער ק' פון **יעקב**. אויפן פערטן דגל איז געשטאנען דער ם' פון **אברהם** און דער ק' פון **יצחק** און דער ב' פון **יעקב**. קומט אויס אז דער ה' פון **אברהם** דאס איז געבליבן שוועבן אין די לופט, און דאס האט באשיצט כלל ישראל אז עס זאל נישט שולט זיין קיין שלעכטס, און די קללה פון בלעם הרשע.

אבער לכאורה איז שווער, ווייל אין **זוהר הק'** שטייט אויפן פסוק **מלםרבה המשרה** (ישעיה ט, ו) וואס האט א ם' אינמיטן די ווארט, אז דאס איז א רמז אויף די דגלים וואס האבן געצויגן אין פארעם פון א ם', וואס האט פיר ווענט, און די אידן האבן אויך געצויגן אויף אזא אופן ווען די אידן זענען געגאנגען אויסגעשטעלט וואו צווי ד' דאס איז פיר ווענט, און אינמיטן איז געווען מחנה שכינה וואס דארט איז געווען דער ארון מיט די כלים. מילא לויט דעם וואלט ווען דער ם' פון **אברהם** געדארפט צו שוועבן אין די לופט העכער די אידן, ווייל דאס איז מרמז אויפן וועג ווי אזוי די אידן האבן געצויגן, און די ה' זאל יא שטיין אויפן דגל?

נאר דער תירוץ איז אז השי"ת האט נישט געוואלט מזכיר זיין אויף זיינע טייערע קינדער קיין שום קללה ח"ו, און ווען דער ה' וואלט ווען געשטאנען אויפן דגל רביעי' וואלט אויסגעקומען די אותיות **קב"ה**, וואס דאס מיינט ח"ו שעלטן, דעריבער האט השי"ת אראפגענומען די ה' און געלייגט די ם' אויפן דגל.

נאר דער תירוץ איז אז השי"ת האט נישט געוואלט מזכיר זיין אויף זיינע טייערע קינדער קיין שום קללה ח"ו, און ווען דער ה' וואלט ווען געשטאנען אויפן דגל רביעי' וואלט אויסגעקומען די אותיות **קב"ה**, וואס דאס מיינט ח"ו שעלטן, דעריבער האט השי"ת אראפגענומען די ה' און געלייגט די ם' אויפן דגל.

דאס זאגט דער מדרש **איש על דגלו באותות אל תקרי באותות אלא באותיות לבית אבותם**, דאס הייסט אז מ'זאל שרייבן די אותיות פון די נעמען פון די אבות הק' אויף די דגלים, ווען בלעם הרשע האט דאס געזעהן אז עס שטייט די ם אנשטאט די ה', האט ער פארשטאנען די סיבה דערפון ווייל השי"ת וויל נישט לאזן א לשון קללה אויף אידישע קינדער, וועגן דעם האט ער געזאגט **מה אקוב לא קב"ה אל**.

## מילי דרמיזא

**דער מספר לויטן שבט**

**הרה"ק רבי שלום מבעלזא** זי"ע, דער ערשטער בעלזער רב זאגט פארוואס מיר זעהן ווען מ'האט געציילט די שבטים האט יעדער שבט געהאט א גאנצע נומער פון הונדערטער, און קיינער האט נישט געהאט קיין איינצעלנע נומערן, צום ביישפיל יעדע מספר ענדיגט זיך ביי 500, 700, און קיינער האט נישט 520, 360 וכדומה.

זאגט ער ווייל גאנץ כלל ישראל איז נישט אפגעטיילט עקסטער, נאר יעדער איז נכלל איינער אינעם צווייטן.

וועגן דעם איז געווען **שבט יששכר נ"ד אלף**, ווייל זיין ארבעט ביי כלל ישראל איז געווען בתורה ועבודה, און זיי האבן דן געווען דינים ביי כלל ישראל, ממילא האט ער געהאט **נ"ד אלף כמנין דן**, און **זבולון** האט ממשיך געווען פרנסה פאר כלל ישראל און זיי געשפייזט, איז וועגן דעם געווען זייער צאל **נ"ז אלף כמנין ז"ן**, און אזוי ווי דער מנין פון די שמות הק' **א–ל הוי–ה** ב"ה וואס באטרעפט **ז"ן**.

**שאו את ראש כל עדת בני ישראל כל זכר לגלגלותם:** שפעטער ביי שבט לוי שטייט **פקד את בני לוי לבית אבותם למשפחותם כל זכר מבן חדש ומעלה תפקדם:** פארוואס ביי שבט לוי שטייט נישט דאס ווארט לגלגלתם?

ברענגט דער **חתם סופר** זי"ע א הערליכן תירוץ **בשם הרה"ק רבי שמואל קראקעווער זצ"ל** ווייל די גמרא (מנחות דף ל"ז) זאגט אז עס קען זיין אזא זאך אז א מענטש זאל געבוירן ווערן מיט צוויי קעפ, אבער ער קען נישט לעבן לאנג, (עס ווערט דערציילט אז אזא מענטש איז געקומען צו שלמה המלך און ער האט פארלאנגט צוויי טיילן אין זיין טאטנס ירושה, ווייל ער איז ווי צוויי מענטשן, האט אים שלמה צוגעדעקט איין קאפ, און ארויפגעגאסן הייס וואסער אויף די צווייטע, און ביידע קעפ האבן געשריגן פאר ווייטאג, האט ער אים איבערגעוויזן אז ער איז באמת איין מענטש). דעריבער ווען מען האט געציילט שבט לוי פון איין חודש און ווייטער, קען דאך זיין אז עס איז דא צווישן זיי איינער מיט צוויי קעפ, און אויב מ'וועט ציילן "לגלגלתם" וועט מען דאך מאכן א טעות און אים ציילן ווי צוויי מענטשן, דעריבער האט די תורה נאר געשריבן **לגלגלותם** דארט ווי מ'ציילט פון צוואנציג יאר און העכער, ווייל אזא מענטש לעבט דאך נישט לאנג, ממילא ביי כלל ישראל קען מען שוין יא ציילן געהעריג ביי די קעפ. (עי' שו"ת חת"ס יו"ד סי' רצ"ד בשם הרה"ק רבי שמואל קראקעווער זצ"ל מפראג).

## מילי דשמעתתא

בפרשתן ושיעור השבוע
במס' קידושין פרק שלישי

*

די וואך אין די סדרה זאגט רש"י אז דער אייבערשטער האט געהייסן אידישע קינדער ויתילדו על משפחותם לבית אבותם, אז זיי זאלן ברענגען דעם יחוס בריוו מיט עדות אויף זייער חזקה, לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דער ציוו שטייט נאר ביי כלל ישראל, און נישט ביי שבט לוי?

ענטפערט דער **חתם סופר** זי"ע לויט דעם וואס מיר האבן געלערנט אין פרק האומר (קידושין דף ס"ג ע"ב) אז אויב איינער זאגט בני זה בן י"ג שנים ויום אחד, איז ער נאר באגלייבט לגבי איסורין, אבער נישט לגבי מלקות ועונשין.

דא האט דאך דער רבש"ע געוואוסט אז די אלע וואס מ'ציילט יעצט וועלן שטארבן איידער מ'גייט אריין קיין ארץ ישראל, און אויף עונשין איז דאך דער טאטע נישט נאמן מעיד צו זיין אויף די יארן פון זיין זון, און דער זון אליין ווייסט דאך נישט ווען ער איז געבוירן נאר אויב דער טאטע איז מעיד, ממילא האט דער אייבערשטער געהייסן אז יעדער זאל זוכן ראיות און עדות אויף זייער עלטער, משא"כ שבט לוי האט דאך נישט באקומען דעם עונש, ממילא זענען די עלטערן געווען באגלייבט מעיד זיין לענין איסורא, און עס האט נישט אויסגעפעלט קיין שום עקסטערע עדות, וועגן דעם שטייט נישט ביי זיי ויתילדו.

## בפרדס הפרשה

### הזכרה אצל צדיקים בקוויטל

דער **רמב"ן** שרייבט א טעם פארוואס די תורה רעכנט אויס דעם צאל פון גאנץ כלל ישראל וויפיל זיי זענען געווען, וואס דאס איז לכאורה איבריג, ווייל ביי דעם ציילונג האט מען בעיקר נאר געדארפט וויסן ווי אזוי איינצוטיילן יעדן שבט פאר זייערע דגלים, שרייבט ער בזה"ל **"כי הבא לפני אב הנביאים ואחיו קדוש ה' והוא נודע אליהם בשמו יהיה לו בדבר הזה זכות וחיים, כי בא בסוד העם והכתב בני ישראל וזכות הרבים במספרם, וכן לכולם זכות במספר שימנו לפני משה ואהרן כי ישימו עליהם עינם לטובה יבקשו עליכם רחמים"**. די ספה"ק לערנען ארויס פון דעם **רמב"ן** אז עס איז א גרויסער ענין צו געבן א געשריבענעם קוויטל פאר צדיקים.

דער הייליגער **בני יששכר** אין **אגרא דפרקא** (אות כ"ה) שרייבט בשם דעם הייליגן **חוזה מלובלין** זי"ע אז ווען א מענטש קומט צו א צדיק און ער שרייבט אים אפ בכתב די נעמען פון זיינע קינדער, זעהט ער ברוח הקודש אלע מעשים פון דעם מענטש וואס זיין נאמען שטייט אינעם קוויטל, אויב זיי זענען גוט אדער ח"ו נישט. און ער זעהט אין דעם אויך דעם שורש פון וואו די נשמות קומען.

דער **מונקאטשער רב בעל דרכי תשובה זצ"ל** שרייבט א טעם פארוואס מען פירט זיך צו געבן א קוויטל פאר א צדיק, ווייל בשעת ווען מען איז מתפלל פאר א מענטש דארף מען אכטונג געבן צו בעטן פארן ריכטיגן נאמען פון דעם וואס דארף א ישועה, און אויב מען זאגט נישט דעם ריכטיגן נאמען קען ח"ו זיין איתרע מזלי' ח"ו, דעריבער שרייבט מען דאס אפ אין א קוויטל כדי עס זאל זיין די תפילה שגור בפיו און עס זאל נתקבל ווערן לרחמים ולרצון.

איבער דעם ענין וואס איז איינגעפירט ביי חסידים אז ווען מ'גיט א קוויטל פאר א צדיק לייגט מען צו א פדיון, זאגט דער **הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק** זי"ע אין ספה"ק **נועם אלימלך** (פר' קרח) שרייבט ער אז א צדיק קען נישט צוקוקן דעם צער פון א רשע, און ער וויל אים פועל'ן א ישועה, ווען דער צדיק האט ווען אן הנאה פון דעם רשע, צבש"פ ווען ער גיט אים ווען געלט, וואלט ער ווען נישט געקענט זינדיגן.

ענליך צו דעם שטייט אין **ספה"ק אוהב ישראל** (פר' פנחס) אויפן פסוק **אשר יוציאם ואשר יביאם** אז ווען רשעים נעמען געלט און זיי באנוצן זיך דערמיט פאר זייערע צוועקן ווערט דאס אנגערופן א הוצאה, ווייל זיי ציעהן דאס ארויס פון די קדושה צו די טומאה ר"ל, אבער ווען מען גיט דאס פאר א צדיק איז עס איז א בחינה פון אשר יביאם, ווייל דורכדעם איז דער צדיק מתפלל פאר אים.

אין ספר **אגרא דפרקא** שטייט בשם דעם הייליגן **חוזה מלובלין** זי"ע אז דאס ענין איז ווייל ווען א מענטש קומט בעטן דעם אייבערשטן פאר א צווייטן קוקט דאס אויס ווי א שטיקל עזות, ווייל פארוואס בעט נישט דער חבר פאר זיך אליין, דעריבער איז די עצה אז ער זאל נעמען דערפאר באצאלט געלט, אזוי קען ער זאגן אז ער איז מתפלל ווייל מען האט אים באצאלט דערפאר.

א אינטערעסאנטע זאך שטייט אין **שו"ת מהר"ם שיק** (או"ח סי' רצ"ג) איבער דעם ענין פארוואס מען גייט בכלל זיך מזכיר זיין ביי צדיקים, אז דאס ענין איז נישט אז דער צדיק זאל בעטן פאר אונז, ווייל באמת דארף יעדער מתפלל זיין פאר זיך אליין, נאר מיר גייען צו די צדיקים אז זיי זאלן הערן פון אונזער צרה, און זיי זאלן האבן צער דערפון, און אויב עס איז נישט באשערט פון הימל אז זיי זאלן האבן צער דאן וועט דער אייבערשטער אוועקנעמען דעם צער אויך פון דעם מענטש.

עס איז כדאי נאכצוברענגען א טייטש וואס כ"ק מרן רבינו **בעל ברך משה** זללה"ה האט אמאל געזאגט (פר' בהעלתך תשכ"ג לפ"ק במסיבת פרידה לרגל העתקת דירתו לב.פ.) **בשם אביו מרן העצ"ח** זי"ע אויפן מאמר חז"ל (ב"ב דף קט"ז) **מי שיש לו חולה בתוך ביתו ילך אצל חכם ויבקש עליו רחמים**, אז דער פשט איז נישט אז דער חכם זאל מתפלל זיין פאר אים, נאר ווילאנג ער האט אין זיך גאות קען זיין תפילה נישט נתקבל ווערן, דעריבער **ילך אצל חכם**, ער זאל זיך מכניע זיין פאר אן ערליכן איד, און נאכדעם **ויבקש עליו רחמים** קען ער שוין אליין מתפלל זיין אויף זיך.

דער הייליגער **דברי חיים** זי"ע האט דערציילט אז דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט אמאל אינמיטן ליינען קוויטלעך זיך אפגעשטעלט, און זיך גוזעצט לערנען פאר א קורצע צייט, און דאן האט ער ווייטער געמומען די קוויטלעך.

אין **ברך משה** (פר' ויצא) איז דער רבי זצ"ל מסביר די מעשה, ווייל דער **נימוקי יוסף** (ב"ב קט"ז) זאגט **"כל מי שיש לו חולה מבקש פני הרב התופס ישיבה שיברך אותו"**, פארוואס? ווייל באמת וואס איז דער פשט פון מתפלל זיין פאר א חולה, איז דען דער אייבערשטער משנה א טבע אדער א גזירה וועגן א תפלה? נאר וויבאלד תורה איז קדמה לעולם, איז דאס למעלה מדרך הטבע, האט די תורה א כח צו זיין שטארקער ווי די טבע, און דאס קען ברענגען א ישועה פאר א חולה, און מעביר זיין א גזירה רעה. דעריבער גייט מען צו א רבי'ן, א ראש ישיבה א תלמיד חכם, און מיט זיין כח התורה איז ער מעביר די גזירה רעה. דעריבער האט דער **חוזה** זי"ע בשעת ווען ער האט געוואלט משפיע זיין א ישועה פאר אידן, געשעפט כוחות פון די תורה הק'.